בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּרוּמָה

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְדַויְיזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף זִיךְ יָא שֶׁערְן?.......... א

מֶעג מֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס פוּן אַ פִירְמֶע וָואס אִיז אֶפְשָׁר גֶעוֶוען פוּן דִי נַאצִיס ימ״ש?.......... ב

מֶען הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וַוייל אִיךְ טוּ דָארְט הַפָּצָה, וָואס טוּ אִיךְ?.......... ג

דַארְף מֶען פַאסְטְן אָדֶער נִישְׁט? וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ בְּמִילְתָא דִשְׁטוּתָא?.......... ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקַרֵב זַיין מַיין טַאטֶע צוּם רֶבִּי'ן?.......... ו

זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שְׁנֶעל?.......... ח

אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?.......... י

אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה יוּנְג, וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה?.......... יב

מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה?.......... יד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מֶען שְׁפִּירְט אַ רֵיינְקֵייט אוּן אַ לוֹיטֶערְקֵייט אִין שְׁטֶעטְל.......... א

קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל.......... ב

בְּלַייבּ דָארְט וואוֹינֶען.......... ג

תְּפִילָה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ אֱמוּנָה.......... ג

דוּרְכ'ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ װֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. ד

אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַװֶועק אַלֶע דִינִים. ......................ה

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דִי תּוֹרָה.................................ה

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִיק. ..........................ז

שְׁטַארְקְט אַייךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן הַאלְט אַייךְ צוּזַאמֶען.......ח

דִי צַעַר פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וֶוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.....י

אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.............................יא

מִיט דִי עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט אִיד בַּאלַייכְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט....יב

לִימוּד גְמָרָא הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים
יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת..............................................................יד

דְרֵייוְון מִיט אַחֲרָיוּת............................................................. טו

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דִי וָואס זֶענֶען מַחְלִיט וָואס צוּ טוּן............... טז

דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם גֶעבְּט נִישְׁט אַװֶועק פַאר קֵיינֶעם...........יז

דִי עֵצָה וָואס וֶועט מִיר שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן.......................................יח

מֶען שְׁפִּירְט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין שְׁטֶעטְל .......................................כ

נֶעמְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין ........................כ

הַנְהָגוֹת פַאר אַ נַייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ".........................כא

גֶעבְּן מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט פַארְ'ן יָתוֹם .....................................כב

דֶער וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה ..........................................................כג

לֶערְן זִיךְ בַּיי אַ מַאן, נִישְׁט בַּיי אַ פְּרוּ'י..........................................כה

מֶען זָאל אַרַיינְקוּמֶען צוּם מְלַוֶה מַלְכָּה - מְסִבַּת הַכָּרַת הַטוֹב.........כו

זַיי שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער. ............................................כו

דִי גֶעוַואלְדִיג זְכוּתִים פוּן הֶעלְפְן מִיט דִי רֶענְט פוּן יְשִׁיבָה. ..........כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְוַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף זִיךְ יָא שֶׁערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מִיטְגְלִידֶער אִין מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס זֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען כָּל מִינֵי רַאֲיוֹת אַז מֶען דארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן, זֵיי פְרוּבִּירְן אוֹיךְ נָאכְצוּשְׁלֶעפְּן אַנְדֶערֶע מִיט זֵייעֶרֶע שִׁיטוֹת.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֵיי בְּרֶענְגֶען מַרְאֵי מְקוֹמוֹת אִיבֶּער דֶעם חוֹמֶר הָאִסּוּר פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וְכוּ', וֶועלְן זֵיי פָּאלְגְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ מִיר צוּ שִׁיקְן ווי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן מַרְאֵי מְקוֹמוֹת אִיבֶּער דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ט שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ; שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן מִיט לֵצִים, אַ שָׁאד צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן נִישְׁט אָנֶעמֶען וָואס צַדִיקִים זָאגְן.

אַזוֹי זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (מִשְׁלֵי טו, יב): ״לֹא יֶאֱהַב לֵץ, הוֹכֵחַ לוֹ״, דֶער וָואס

שְׁפֶּעט אָפּ הָאט נִישְׁט לִיב וָוען מֶען מוּסָר׳ט אִים און מֶען וַוייזְט אִים וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, ״אֶל חֲכָמִים, לֹא יֵלֵךְ״, דֶערִיבֶּער גֵייט עֶר נִישְׁט צוּ קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר ווִיל נִישְׁט הֶערְן וָואס זֵיי וֶועלְן אִים זָאגְן, נָאךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שָׁם יג, א): ״וְלֵץ, לֹא שָׁמַע גְּעָרָה״, דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ הָאט נִישְׁט צוּ גֶעהֶערְט קַיין מוּסָר, עֶר הֶערְט נִישְׁט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ טַעְנָה׳ן מִיט מֶענְטְשְׁן; אוֹיב דוּ ווִילְסְט זֵיי הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ זֵיי מְקַרֵב זַיין בְּאוֹפֶן כְּלָלִי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. זָאג זֵיי פוּן דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַנַ״ת הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. גֶעב זֵיי צוּ הֶערְן דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, דִי זִיסֶע וַואסֶער, מַיִם חַיִּים וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה - וֶועלְן זֵיי שׁוֹין ווִיסְן וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן״, דִי וָואס הָאבְּן גֶע׳טַעְנָה׳ט און זִיךְ מִתְוַכֵּחַ גֶעוֶוען, זֶענֶען נָאכְדֶעם אַוֶועק גֶעפַאלְן.

...

## מֶעג מֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס פוּן אַ פִירְמֶע וָואס אִיז אֶפְשָׁר גֶעוֶוען פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ׳ן מִיר גֶעבְּן לֶעבְּן. דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, און אִיךְ הָאב זֵייעֶר הַנָּאָה.

אִיךְ הָאב אַמָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין זַאכְן וָואס קוּמְט פוּן דִי נַאצִיס. הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיב עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ קוֹיפְן פֶּערְפְיוּם פוּן Coco Chanel, אִיז זִי גֶעוֶוען אַ נַאצִי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, און הַצְלָחָה אוֹיף וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״א שְׁבָט, שְׁנַת תש״פ

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן זַאכְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֲמָלֵקִים - דִי דַייטְשְׁן יִמַח שְׁמָם.

מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִים זָאנֶענְפֶעלְד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער יְרוּשָׁלַיִם'עֶר רָב, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן זַיינֶע רֶבִּי'ס אוֹיף דִי דַייטְשְׁן, אַז זֵיי זֶענֶען מִזֶּרַע עֲמָלֵק. אוּן וֶוען דֶער דֵייטְשֶׁער קֵיסָר ווִילְהֶעלְם אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דֶער צַדִיק נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן אַן עֲמָלֵקִי.

מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "הַלְוַואי וָואלְטְן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן מֵיידְל סְקוּלְס גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אֵיין מָאל אַ יָאר צוּ אַ הָאלָאקָאסְט מוּזֶעאוּם, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וָואס דִי רוֹצְחִים - דִי עֲמָלֵקִים - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס"; דִי רוֹצְחִים, דִי דַייטְשְׁן זֶענֶען עֶרְגֶער פוּן דִי ווִילְדְסְטֶע חַיוֹת! אַ חַיָה וֶועט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג, ווִידֶער זֵיי, דִי עֲמָלֵקִים - הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, זֵיי גֶעפַּיינִיגְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס קַיין שׁוּם בַּר דַעַת קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס טוּן; דָאס דַארְף מֶען חַזֶר'ן מִיט קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע גוֹיִם זֶענֶען גְרֵייט צוּ טוּן.

דוּ קֶענְסְט נוּצְן דִי פֶּערְפְיוּם קָאקָאוּ שַׁאנֶעל, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ נַאצִי.

...

## מֶען הָאט מִיר אַרוֹיסגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וַוייל אִיךְ טוּ דָארְט הַפָּצָה, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן הַפָּצָה אִין מַיין יְשִׁיבָה, צוּ מְקָרֵב זַיין דִי בָּחוּרִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי יְשִׁיבָה הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ הָאבּ עֶס אָבֶּער יָא וַוייטֶער גֶעטוּן.

יֶעצְט הָאט מֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, זָאגְנְדִיג פַאר מַיין טַאטֶע אַז דָאס אִיז ווייל אִיךְ פִיר אָן "מִיסְיָאנֶערִישֶׁע אַקְטִיוִויטֶעטְן" אִין יְשִׁיבָה, ווייל אִיךְ מַאךְ הַפָּצָה, און זֵיי קֶענֶען מִיר נָאר צוּרִיק נֶעמֶען אוֹיב וֶועל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי זַאכְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאג פַאר דִי מַשְׁגִּיחִים, מְנַהֲלִים וְכוּ׳ - אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וֶועט מֶען דִיר צוּרִיק נֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה.**

**און דִיר זָאג אִיךְ: זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט הַפָּצָה; זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן קַיין אֵיין זַאךְ. זֵיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז - אָבֶּער נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי יְשִׁיבָה; אַז דוּ ווִילְסְט גֵיין הַפָּצָה טוּ עֶס נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיר צוּרִיק נֶעמֶען און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשִׁיבָה.**

**דוּ קֶענְסְט טוּן הַפָּצָה אִין דַיינֶע זַייטִיגֶע צַייטְן, אִיבֶּערָאל, נָאר נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה.**

...

## דארְף מֶען פַאסְטְן אָדֶער נִישְׁט; ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ בְּמִילְתָא דִשְׁטוּתָא?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן קע"ט) אַז עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים און דָאס בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר דארְף נִישְׁט פַאסְטְן, און וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?", ווִי אַזוֹי גֵייעֶן דִי צְוֵויי זַאכְן אִינְאֵיינֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב', סִימָן מ"ח) אַז מֶען דארְף זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ מִיט סַיי וָואס, אֲפִילוּ "בְּמִילְתָא דִשְׁטוּתָא", ווִי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס און ווִי אַזוֹי אִיז מֶען

דָאס מְקַיֵּים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט פַאסְטְן אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים, נָאר יוֹם כִּיפּוּר וָואס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא צוּ פַאסְטְן, אוּן דִי טֶעג וָואס מִיר דַארְפְן פַאסְטְן מִדְרַבָּנָן: תִּשְׁעָה בְּאָב, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, י״ז בְּתַמּוּז, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר אוּן צוֹם גְּדַלְיָה. אָבֶּער לְגַבֵּי זִיךְ מַאכְן אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תצא): ״וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?״ וַוייל וָוען מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וַואשְׁט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ אוּן עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט פוּן דִי עֲבֵירוֹת, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ פַאסְטְן.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז עֶס אִיז דָא מַדְרֵיגוֹת וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דוּרְךְ פַאסְטְן; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן בֶּעט אִין לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת (לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק א׳, תְּפִלָּה נ): ״וּבְכֵן תְּרַחֵם עָלַי, וּתְזַכֵּנִי וְתוֹרֵנִי וּתְלַמְּדֵנִי, שֶׁאֶזְכֶּה לֵידַע בֶּאֱמֶת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיַן הַתַּעֲנִיּוֹת שֶׁאֲנִי מְחֻיָּב לְהִתְעַנּוֹת בִּשְׁבִיל תְּשׁוּבָה עַל עֲווֹנוֹתַי הָרַבִּים״, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אוּן לֶערְן מִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט תַּעֲנִיתִים, ״כִּי אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ אֶת כָּל הַמְּנִיעוֹת וְכָל הַסְּפֵקוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁיֵּשׁ לִי עַל זֶה״, וַוייל נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוּן וִויפִיל בִּלְבּוּלִים אִיךְ הָאבּ אִין דֶעם, ״עַד שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ לָתֵת עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי כְּלָל בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל תַּעֲנִיּוֹת״, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן צוּ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פַאסְטְן אוּן וִויפִיל אִיךְ זָאל פַאסְטְן.

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן פַאסְטְן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן פַאסְטְן (אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפה), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קנד) אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע

מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואלְט עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעפַאסְט אוּן גֶעטוּן סִיגוּפִים וְכוּ׳.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, ווִי מֶען אִיז מְקַיֵים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִילֵי דִּשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין פְרֵייליךְ מִיטְ׳ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן; דָאס אִיז מֶען מְקַיֵים פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייליךְ מַאכְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען נָאר, אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵייליךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקָרֵב זַיין מַיין טַאטֶע צוּם רֶבִּי׳ן?

## שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקְן אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אוּן אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן נָאר דוּרְכ׳ן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ. אוֹיךְ הָאב אִיךְ שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען צְוֵוי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אוֹיךְ הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ חִיזּוּק אִין כִּיבּוּד אָב, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע, וַוייל עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן מִיר זַאכְן וָואס עֶר אַלֵיין טוּט נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, ווִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט. אָבֶּער מִיטְ׳ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה׳ס שִׁיעוּרִים הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין אִים מְכַבֵּד צוּ זַיין ווִי אַזוֹי עֶר אִיז.

אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיב עֶר וֶועט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, וֶועט אִים עֶס אִים לִכְאוֹרָה הֶעלְפְן אִין לֶעבְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעזֶען בַּיי חֲבֵרִים פַאר וֶועמֶען אִיךְ הָאב עֶס גֶעגֶעבְּן, אָבֶּער דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שִׁיעוּרִים, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי אִים צוּ בְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ. אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן אָפְן צוּ אִים, עֶר טָאר נִישְׁט ווִיסְן אַז אִיךְ וֵוייס דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיף אִים, אוּן אִיךְ דַארְף

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵעַ צוּ זַיין אִין זַיין כָּבוֹד.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הֶעלְפְן מַיין טַאטֶע, עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ קְרִיגְן מֶער שְׂכַר אוֹיף דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא - אַגְרָא", לוֹיט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען דֶערוֹיף; אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער דַארְפְסְטוּ נָאךְ אַלְץ מְקַיֵּים זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פַּרְשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דוּ, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע אִידְן זָאלְן וִויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען מִיט אוּנְז, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, מָשִׁיחַ וֶועט מֶען פָאלְגְן, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה", מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"; אוּן דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז יֶעצְט,

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין און אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז און נֶעבְּן אוּנְז. און אֵיינְמָאל מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן; נָאר דָאס זָאלְסְטוּ טוּן און זָאלְסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען בְּעִיוּן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שְׁנֶעל?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוָואלְדִיגֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ הֶער שׁוֹין פַּאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁ"ס עַל הַסֵּדֶר, און דָאס הָאט מִיר גֶעצוֹיגְן אוֹיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען גְמָרָא אֲפִילוּ מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ מְסוּפָּק אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל און יָא פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד און אִיךְ הָאבּ נָאר אַבִּיסְל צַייט אִין טָאג צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר צְוֵויי שִׁיעוּרִים, אֵיינְס צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל בְּעִיוּן און דִי צְוֵוייטֶע צוּ זָאגְן אַסַאךְ, וָואס זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טוּן?

דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג אוֹיבּ אִיךְ גֵיי אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה, מֶען קֶען טוּן בֵּיידֶע; אֲפִילוּ אַ מְלַמֵּד הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ צַייט צוּ טוּן בֵּיידֶע, סַיי לֶערְנֶען אַסַאךְ אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר בְּעִיּוּן. אִינֶעם זֶעלְבְּן שִׂיחָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בְּקְצָת עִיּוּן", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

לֶערְן ווי אַזוֹי עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס בֶּעסֶער; קֶענְסְט לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶענְסְט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גַשְׁמִיּוּת דָארְט לָאזְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן הוּנְגֶערִיגֶערְהֵייט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פִישׁ אוּן פְלֵייש וֶועט מֶען עֶסְן גְרִינְצֵייג אוּן דָאס גְלַייכְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ פִירְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אוֹיסְגֶערוּט וֶועל אִיךְ דֶעמָאלְט לֶערְנֶען', 'קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זַיין מֶער מְסוּדָּר וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא', 'דֶעם קוּמֶענְדִיגְן חוֹדֶשׁ וֶוען אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין וְכוּ' הוֹיב אִיךְ אָן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען', 'דֶעם אַנְדֶערְן יָאר וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען', דָאס מֵיינְט זִיךְ גֶענַארְ'ט; וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אוֹיב עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא אָדֶער עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דַאן וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן עֶר וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען וָואס אַ צְוֵוייטֶער קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט אָן דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. בַּיי אִים וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת?" וֶוען לַאכְט דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְשׁ, וֶוען זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַלֶץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", בַּיים לֶעצְטְן טָאג; דֶעמָאלְט וֶועלְן אַפִיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהַייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַ בְּלַאט גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען מֶען וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן בַּיי

דַיין לְוָיָה וֶועט מֶען טְרָאגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען וֶועט נִישְׁט טְרָאגְן סְתַּם אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר, עֶס וֶועט זַיין אַן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַן אָרוֹן מָלֵא סְפָרִים; עֶס וֶועט לִיגְן אִינֶעם אָרוֹן: חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר וְתִקּוּנִים, כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ', וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען, וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגַאנְג אִין לֶעבְּן, אִיךְ קוּם פוּן אַ חֲסִידִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט מִיר מְחַנֵךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן גֶעצְווִינְגֶען זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי גַאס, אוּן לֵיידֶער אוֹיךְ מִיט אַ שִׂנְאָה קֶעגְן בְּרֶסְלֶב. נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, כִּמְעַט פִיר יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ גוֹי רַחְמָנָא לִצְלָן. אִיךְ מוּז דַאנְקֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר וַוייטֶער מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אִין דִי אַלֶע יָארְן.

אֵיין מָאל הָאט אַ חָבֵר מַיינֶער מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ זֶען אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן כַאפְּן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, פַארְקֶערְט - עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן דָא קוּמְט ווִידֶער אַרַיין דִי חֲשִׁיבוּת פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעשְׁטִיצְט אוּן גֶעהָאלְפְּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, כָאטְשׁ וָואס בַּיי זֵייעֶר חֲסִידוּת אִיז דָאס גָאר שְׁטַארְק אָפְּגֶעפְרֶעגְט.

עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג צוּרִיק צוּ קוּמֶען, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעלָאזְט וַואקְסְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל וַוייטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. ווִיפִיל מָאל אִיךְ זָאל דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג, אִיר הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי וַוייטֶער

מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן מִיט עֶרְלִיכְקֵייט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת לד:): ״מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִין יְכוֹלִין לַעֲמֹד בּוֹ״, צַדִּיקִים קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי הוֹיךְ וואוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה קוּמֶען אָן; וַוייל דֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁמִירְט מִיט אַלֶע שְׁמוּץ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועְן אִין דִי טוּנְקֶלְסְטֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, פְּלֶעצֶער וואוּ אַ צַדִּיק אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶועְן, אוּן עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע זִינְד קְלִפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס לוֹיפְן אִים נָאךְ, זֵיי ווִילְן אִים נָאר צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּ דִי אַלֶע טוּנְקֶעלֶע פְּלֶעצֶער; מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּרִיק צִי דִי עֲבֵירוֹת, עֶר גֵייט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע קַבָּלוֹת, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): ״גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְ׳ן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

אִיךְ בִּין גְרֵייט דִיר וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; דוּ זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וַוייזְט אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט, אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ טַאקֶע צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

## אויב הָאבּ אִיךְ חֲתוּנָה יוּנְג, ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה, יְיִשַׁר כֹּחַ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ בֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים פַאר מִיר, וֶועלְן זֵיי עֶס גֶערְן טוּן, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין הָאבּ מוֹרָא חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנְג, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן ווי אַזוֹי אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וַוייל מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

אִיךְ בִּין אֵיינֶער פוּן 16 גֶעשְׁוִוּיסְטֶער, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַ בִּילִיגְן אוֹפֶן, נִישְׁט מַמָּשׁ ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אָבֶּער נָאכְאַלְץ זֵייעֶר בִּילִיג. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז אַלְץ מְחַנֵךְ גֶעוֶוען צוּ זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין אִיבְּרִיגֶע מוֹתָרוֹת, אוּן דֶערְצוּ אִיז אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב. זֵיי בָּארְגְן נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה לֶעבְּן זֵיי זֵייעֶר מְצֻמְצָם, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

דָאס מֵיינְט אַז אַ טָאג נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף אִיךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אַ דִירָה, פַאר עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פַאר אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן. אִיךְ קֶען ב"ה לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא שׁוֹין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אַזוֹי פְרִי, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען זָאגְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין לֶעבְּן.

יְיִשַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן פַּרְנָסָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְפַרְנֵס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁפַּייז אִין צַייט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּייזְט דֶעם גְרוֹיסְן ווִיזְל טִיר אוּן עֶר שְׁפַּייזְט דִי קְלֵיינֶע אֵייעֶר

פוּן לַייז (נִיטְס). חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פַּרְנָסָה - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

מוֹרָא הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן אַרָאפּ צוּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ אַ שִׁידוּךְ טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אֲפִילוּ אֵיין טָאג, מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן. אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס אִיז אִין אַ סַכָּנָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי - הוּא פָּגוּם בִּבְרִית", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בִּבְרִית; דֶערְפַאר דַארְף מֶען וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוּן קְלוֹיבְּן.

זָאג דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ ווִילְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין כט:) וִוי רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן רַב חִסְדָּא: אִיךְ ווִיל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן, "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא?" פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית, הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהַדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה, וַוייל: "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה - כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן טוּן עֲבֵירוֹת, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא: "בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַּעְתָּךְ?!" וִוי קֶען זַיין מֶען וֶועט טוּן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען דָאךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא אֵימָא: כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", מֶען וֶועט אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ צוּ אֵיילְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, וַוייל רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַב הוּנָא אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

זָארְג נִישְׁט יֶעצְט פוּן וַואנֶעט דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה; פַּרְנָסָה וַואקְסְט מִיט'ן

**מֶענְטְשׁ, ווי מֶער מֶען עֶלְטֶערְט זִיךְ אַלְץ מֶער גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּרְנָסָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי** (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ג) **: "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו, כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף פַּרְנָסָה, פַּרְנָסָה וַואקְסְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ.**

**אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועקְלֵייגְן דַיינֶע חָכְמוֹת, דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם שִׁידוּךְ וָואס פְּרִיעֶר אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלֵייסִיג, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען וַוייטֶער נָאךְ דַיין חֲתוּנָה.**

...

## מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווי אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן הָאט מֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן מַיין יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט זָאגְן דִי מַשְׁגִּיחִים אַז זֵיי לָאזְן מִיר צוּרִיק נָאר מִיט עֶטְלִיכֶע תְּנָאִים. אִיךְ מוּז אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ מוּז הַאלְטְן דִי סְדָרִים פוּן יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, נִישְׁט לֶערְנֶען דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים, אוּן דֶער עִיקָר - נִישְׁט צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת.

מִיט דִי צְווֵיי עֶרְשְׁטֶע תְּנָאִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּ דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ רֶעד אִיךְ נִישְׁט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב אִין יְשִׁיבָה; אָבֶּער דִי דְרִיטֶע זַאךְ, נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם?

זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה אָדֶער נִישְׁט?

יִישַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה אוּן זַיי זִיךְ מַכְנִיעַ פַאר דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים; זֵיי מֵיינֶען נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, זֵיי ווילְן בְּסַךְ הַכֹּל עֶס זָאל זַיין סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה, עֶס זָאל זַיין**

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין יְשִׁיבָה. זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין דַיינֶע זַייטִיגֶע צַייטְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ לֶערְנֶען וָואס דוּ ווִילְסְט. דוּ זַיי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן פִיר זִיךְ מִיט הַכְנָעָה, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד "דֶרֶךְ אֶרֶץ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַּאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ"; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת.

הַאלְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן וֶוען אַלֶע בָּחוּרִים טַאנְצְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַּאר דִיר אַלֵיינְס אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים.

פָאלְג וָואס אִיךְ זָאג דִיר; גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, וַוייז הַכְנָעָה פַּאר אַלֶעמֶען, טַעְנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, פִיר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי ווִי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט הַכְנָעָה - וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, אַלֶע וֶועלְן זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים.

הַלְוַאי וָואלְטְן אַלֶע בָּחוּרִים זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אוּן אַסַאךְ קְרִיגֶערֵייעֶן; דִי יְשִׁיבוֹת וָואלְטְן נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק וֶוען בָּחוּרִים ווִילְן פָארְן קַיין אוּמַאן, מֶען וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ. דִי אַלֶע יְשִׁיבוֹת וָואס וַוארְפְן אַרוֹיס בָּחוּרִים פַאר'ן פָארְן קַיין אוּמַאן זֶענֶען זִיךְ דִי בָּחוּרִים אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג וַוייל זֵיי רֵייצְן זִיךְ מִיט דִי יְשִׁיבָה וְכוּ', זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט חוּצְפָּה, אַלְץ מִיט אַ צוּדֶעק כְּאִילוּ דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב וד"ל.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מֶען שְׁפִּירְט אַ רֵיינְקֵייט אוּן אַ לוּיטֶערְקֵייט אִין שְׁטֶעטְל.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט עֶנְק דֶעם פַאְרְגַאנְגֶענֶעם זוּנְטָאג נַאכְט וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מַיִם חַיִּים וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה.

אַלֶע יָארְן פְלֶעגְט מוֹהַרְאַ"שׁ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט לְכָבוֹד חֲמִשָּׁה עָשָׂר אוּן לְכָבוֹד רֶבִּי נָתָן'ס יוֹם הוּלֶדֶת; מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַז אֲפִילוּ מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין סְעוּדוֹת בַּיי אִידְן בַּיים יוֹם הוּלֶדֶת, דָאךְ, בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶען בְּחַיִּים חַיּוּתָם וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעטוּן, פַאר זֵיי מַאכְט מֶען יָא אַ סְעוּדָה. מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה פַאר'ן צַדִּיק וָואס מִיר הָאבְּן, וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אַייךְ בַּאזוּכְן וֶוער אִיךְ פְרֵייליךְ; עֶס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע פְּלַאץ, מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַ רֵיינְקֵייט, אַ לוּיטֶערְקֵייט. דֶער שְׁטֶעטְל דֶערְמַאנְט מִיר דֶעם סִיפּוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם וָואס הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן גֶעזָאגְט: "מִיר דַארְפְן זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען, מִיר קֶענֶען נִישְׁט וַוייטֶער וואוֹינֶען דָא וַוייל דֶער קֵיסָר פוּן דִי מְדִינָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אַפִּיקוֹרֶס אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים, עֶר הָאט שׁוֹין אַ טֵייל פוּן דִי מִשְׁפָּחָה גֶעמַאכְט פַאר

אַפִּיקוֹרְסִים, מוּזְן מִיר זוּכְן אַ פְּלַאץ וואו צוּ גֵיין וואוֹינֶען", עֶר הָאט זֵיי גֶענוּמֶען צוּ אַ מִדְבָּר וְכוּ', וְכוּ'.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ דֶעם סִיפּוּר אַז אִיר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ מִדְבָּר כְּדֵי גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם קֵיסֶר, דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מַאכְן דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אַפִּיקוֹרְסִים.

יֶעצְט דַארְפְט אִיר טוּן וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן; דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דֶער חָכָם הָאט גֶעמַאכְט אַ רִינְג אַרוּם זַיין מִשְׁפָּחָה כְּדַאי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן. מוֹהַרְנַ"ת אִיז מַסְבִּיר, וָואס אִיז דֶער רִינְג? דֶער רִינְג אִיז אַחְדוּת; אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן אִין אֵיין רִינְג דֶעמָאלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן, וִוידֶער אוֹיבּ מֶען לָאזְט אָפּ אַ צְוֵויטְנְס הַאנְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן, דֶער רִינְג עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף - פַּאסִירְט וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעוָואלְט שֶׁעדִיגְן וְכוּ' וְכוּ'.

כַאפְּט אַייךְ אָן שְׁטַארְק אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵויטְן, קוּקְט גוּט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵויטְן אוּן מַאכְט זִיכֶער אַז צְווִישְׁן דִי וַוייבֶּער זָאל אוֹיךְ זַיין לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם; בַּיי וַוייבֶּער אִיז מֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט עֶס זָאל אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ קְרִיגֶערַיי חַס וְשָׁלוֹם, מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, דֶער רֶעדְט אוֹיף דֶעם אוּן יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵויטְן, פוּן דֶעם גֶעשֶׁעט אַז עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דֶער רִינְג אוּן עֶס קוּמְט שְׁלֶעכְטְס.

אַז מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן וֶועט זַיין שֶׁפַע אִין שְׁטֶעטְל, עֶס וֶועט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

...

## קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כוֹלֵל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'ע כוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵק זַיין אִיר זָאלְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כוֹלֵל; וֶוען אִיךְ הֶער אַז מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג אִין כוֹלֵל, מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ - גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ. וַוייל

אִיךְ ווִיל אַז דֶער שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פוּן תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע אִינְגֶעלַייט, בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְן אָנְהוֹיבְּן דֶעם טָאג מִיט תּוֹרָה, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט, דָאס בִּיסְל וָואס מֶען דַאוֶוענְט.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אוּן דַאוֶוענֶען נִישְׁט; דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיט פְּלָאג אוּן וֵוייטָאג.

אַז אִיר וֶועט קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען וֶועט אִיר מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

...

### בְּלַייבּ דָארְט וואוֹינֶען.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיבּ זִי לַייְדְט נִישְׁט דָארְט, סַךְ הַכֹּל אִיז אִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם דָארְט וַוייל זִי הָאט נִישְׁט אִיר מִשְׁפָּחָה - אִיז נָאךְ אַלְץ כְּדַאי צוּ בְּלַייבְּן דָארְט וואוֹינֶען; דָארְט וֶועט אִיר מֶער מַצְלִיחַ זַיין, עֶס אִיז אַ רוּאִיגֶערֶע פְּלַאץ ווִי דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וְכוּ׳, וְכוּ׳.

זָאג פַאר דַיין ווַייבּ תְּחִיֶ׳, אַז אוֹיבּ זִי וֶועט זִיךְ נִישְׁט מְסַדֵר זַיין קֶען מֶען אַלְץ צוּרִיק גֵיין קַיין בְּנֵי בְּרַק, בִּיז דֶערְוַוייל בְּלַייבּ אִין אֶלְעַד.

זַיי גֶעזוּנְט.

...

### תְּפִילָה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה צוּ אֱמוּנָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶע טָאכְטֶער ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תְּפִילָה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה צוּ אֱמוּנָה; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס אוּן דָאס אִיז גוּט, תְּפִילָה גֵייט נָאר מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס גֵייט

אַריבֶּער אוֹיף מִיר קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶס אִיז נָאר פַּאר מַיין טוֹבָה, אִיךְ דַאוֶונען צוּ אִים וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן דַאוֶונֶען פַּאר אִים, אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן זֶען דָאס גוּטְס.

תְּפִילָה אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעב אִים גוּטְס און דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט'"; דִי אָפְּטַייטְשׁ פוּן תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט אַז אִיךְ רֶעד זִיךְ אָפּ, תְּפִילָה מֵיינְט בֶּעטְן, מֶען בֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער צַדִּיקִים**"; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי מֶען בֶּעט פוּן אִים זָאגְט עֶר נִישְׁט: 'אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט', נִישְׁט דָאס זָאגְט רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ מֶער לַיידְן אָבֶער תְּפִילָה אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, תְּפִילָה דָאס אִיז דָאס חָשׁוּב'סְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְךְ רֶעדְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אֵיינְס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן זָאגְן תְּהִלִּים וְכוּ'; דוּ קֶענְסְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן אַ קוֹל.

...

**דוּרְכְ'ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיט דֶעם וָואס דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת סג:) אַז עוֹבֵד אֱדוֹם פְלֶעגְט אוֹיסְקֶערְן און אוֹיפְוַואשְׁן דִי שְׁטוּבּ וואוּ דֶער אָרוֹן אִיז גֶעלֶעגְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע הָאבְן מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי מִצְוָה, גֶעבּ דָאס נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶעס מָאל דוּ בִּיסְט אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מְסַדֵּר זַיין דִי טִישְׁן און דִי בֶּענְקְלֶעךְ אַז

זֵיי זָאלְן זַיין שֵׁיין מְסוּדָר.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַלֵיינְס אוֹיפְוַואכְן דֶעם בְּרֶסְלֶב׳ן שׁוּל אִין בָּארָא פַּארְק; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעוַואשְׁן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן בֶּעטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אָפְּוַואשְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִיר״, אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען רֵיינִיגְן אוּן זוֹיבֶּערְן, בַּאשֶׁעפֶער וַואשׁ מִיךְ אָפּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבָט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת וִישׁוּעָה בָּאָה״, אַז מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, אוֹת פא): ״הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין״, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים; גֵיי אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר אוּן קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; גֵיי דַיין וֶועג, וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דִי תּוֹרָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבָט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר - אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר אַלְט, אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת!

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (כִּי תֵצֵא רעז:): "מָארֵי מִשְׁנָה, דְאִינוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַמָּשׁ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְן אַזוֹי רֵיין אוּן הֵיילִיג מַמָּשׁ וִוי מַלְאָכִים, "וּבְגִין דָא אוֹקְמוּהָ מָארֵי מַתְנִיתִין, עַל בַּר נָשׁ אִי יְהֵא כְּמַלְאַךְ יְיָ צְבָקוֹת תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ, וְאִי לָאו לֹא יְבַקְשׁוּ תּוֹרָה מִפִּיהוּ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְן אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בַּאדִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן וְכוּ'.

וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיב וָואס מֶען לֶערְנְט; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער יָארְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אוֹת ח), "וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה", אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנַיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאב אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאב זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ זָאגְסְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן צוּ שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט

וָואס לִיגְט אִין מִשְׁנַיוֹת.

גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין גוּטֶע וֶועג, וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

**מֶען דארְף אַסאך רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה און פוּן צַדִיק.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵק פְּרוּוּעֶן און מֵיידְלֶעךְ.

לֶערְנְט מִיט זֵיי בְּרִיוו פוּן "אַשֶׁר בַּנַּחַל" אָדֶער "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין אִידִישׁ קֶענְט אִיר זֵיי פָּארְלֶערְנֶען דִי בְּרִיוו אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, (מֶען אִיז מְתַּרְגֵם דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ).

בְּעִיקָר זָאלְט אִיר רֶעדְן פוּן חִיזוּק אִין אֱמוּנָה, חִיזוּק אוֹיף תְּפִילָה און אַסאךְ פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, אֱמוּנָה אִינֶעם רֶבִּי'ן; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן פְּרָטִים אִין לֶעבְּן וְכוּ', וְכוּ', דארְף מֶען רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה און פוּן צַדִיק. אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט חִידוּשֵׁי תּוֹרָה און דוּ קוּמְסְט אָן צוּ שְׁרַייבְּן פוּן 'אֱמוּנָה' אָדֶער 'צַדִיק' - זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם פֶּעְנֶע"; דָאס הֵייסְט, עֶר זָאל שְׁרַייבְּן אַסאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא, וַוייל: "דְדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ, דְלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ (נְדָרִים מא.)", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס, וִוידֶערְאוּם אָן אֱמוּנָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט; נָאר אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַ לֶעבְּן.

רֶעדְטְס צוּ זֵיי וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וִוי זִיס און הָאנִיג'דִיג דָאס לֶעבְּן וֶוערְט, פוּן דָאס רוּאִיגְקַייט וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בַּיי אַלֶע חֲסִידִים רֶעדְט מֶען פוּן הָאבְּן אַ רֶבִּי, און אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ גוּט אָפְּנַארְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, בִּפְרַט בַּיי דִי וָואס מֶען רֶעדְט אִין דִי קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ און הֶעכֶערֶע וֶוערְטֶער - דָארְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג זִיךְ צוּ נַארְן, לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס פַארְקוֹיפְט מֶען זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן און נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן וְכוּ', וְכוּ', דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, מֶען זָאל קוּקְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט?'

לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּצוּנַארְן אִין לֶעבְּן; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אֵייךְ, לָאזְט אֵייךְ נִישְׁט נַארְן; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זַיינֶע רְוָחִים בְּרוּחָנִיּוּת. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי בְּגַשְׁמִיּוּת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בִּיזְנֶעס דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְפְרֶעגְן בַּיים בּוּכְהַאלְטֶער צִי דִי בִּיזְנֶעס פַארְדִינְט אָדֶער דֶערְלֵייגְט, אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בּוֹדֵק זַיין: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?' אוּן זֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיב אַייעֶר מַאן זָאל אַוֶועק פָארְן מִיט עֶנְקֶער קְהִילָה אוֹיף שַׁבָּת, מֶען פָארְט אַוֶועק אָן דִי וַוייבֶּער וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין עֶנְק, אַז אַייעֶר מַאן ווִיל בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוֹיף שַׁבָּת מִיט אֵייךְ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אַז עֶר דַארְף אַוֶועק גֵיין מִיט דִי קְהִלָּה וַוייל דָארְט פַארְשְׁטֵייט מֶען נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ וְכוּ', זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט מַאכְן קֵיין שְׁוֶועריִקְייטְן. אִיר דַארְפְט אִים פַארְשְׁטֵיין, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט פָארְן וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁפִּירְן בַּאקְוֶועם אִין דִי קְהִלָּה וֶוען אַלֶע פָארְן וְכוּ', וְכוּ'; דָאס זָאלְט אִיר צְווִישְׁן זִיךְ אָפְּמַאכְן.

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "וָואס מֶען טוּט - טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס".

זַייטְס מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; תְּהִלִּים וֶועט אֵייךְ טְרָאגְן צוּם טִיר וָואס פִירְט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁטַארְקְט אֵייךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן הַאלְט אֵייךְ צוּזַאמֶען.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ מְקוֹרָבוֹת תִּחְיוּ בִּירוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ.**

שְׁטַארְקְט אֵייךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ. תְּפִילָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס טוֹישְׁט דִי טֶבַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כַּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנֶּה הַטֶּבַע", תְּפִילָה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען צוּ מִיר". אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן, וֶועט אִיר מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם זַיין; מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב שֵׁיין אוּן דָאס וֶועט גוֹרֵם זַיין אַז אַלֶע זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן.

לֵיידֶער לַיידְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ וָואס רוּפְט זִיךְ: "נַ נח"; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב אוּן דָאס מַאכְט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט לָאזְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן וֶוען עֶלְטֶערְן דֶערְוואוּסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד הָאט שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ רוֹדְפְ׳ט מֶען דָאס קִינְד; מֶען טֵיילְט אָפּ מִשְׁפָּחוֹת אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶערְ׳ס שִׂמְחוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אַלֶעס קוּמְט אַלְץ רֶעזוּלְטַאט פוּן דֶעם וָואס מֶען מֵיינְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ צְעוִוילְדֶעוֶועטֶע זַאךְ, אַ פְּלַאץ פוּן מֻפְקָרִים וְכוּ׳.

דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט קֵיין נַייעֶ זַאךְ; אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת. וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחְלוֹקֶת הָאט דֶעמָאלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, - אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פֶּנִימְ׳עֶר. דָאס מַאכְט אַז יֶעדֶע קְלוּגֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן נִישְׁט מַסְכִּים זַיין אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פֶּנִימְ׳עֶר, וָואס בֶּאֱמֶת הָאט דָאס נִישְׁט צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִיבֶּערָאל זֶענֶען דָא עַזּוּת פֶּנִימְ׳עֶר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועט אִיר זֶען אַז אִיר וֶועט אַלֶע טְרֶעפְן שִׁידוּכִים.

...

## דִי צַעַר פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וֶוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבָט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט אַ פֶּערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט.

ווִי קֶען אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין, וֶוען אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל פַּיין אוּן צַעַר פוּן אַייעֶר זוּן וָואס פִירְט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה? וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי פַּיין אוּן וֵוייטָאג פוּן אַ מַאמֶע׳ס הַארְץ וָואס אִיר קִינְד פִירְט זִיךְ נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה? עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא פַּיין אוּן וֵוייטָאג אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, מֶען בֶּעט אַזוֹיפִיל פַארְ׳ן קִינְד, מֶען טוּט אַלֶע סָארְט סְגוּלוֹת אוּן אַסַאךְ גוּטֶע מַעֲשִׂים - אַלֶעס לִזְכוּת אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי עֶפֶּעס רִירְט זִיךְ, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען אַ יְשׁוּעָה.

עֶס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער, עֶס אִיז זַייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט; דָאךְ דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקֶן אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן חַזֶרְ׳ן דִי פָּשׁוּט׳עֶ וֶוערְטֶער: ״מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר ווִילְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט אוּן מִיר גְלֵייבְּן אִין תְּפִלָּה; מִיר גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע תְּפִילָה, יֶעדֶע גֶעבֶּעט - גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שׁוּם תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, יֶעדֶעס גֶעבֶּעט״; אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי בְּרָכָה: ״כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַּת כָּל פֶּה עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים, בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה...״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת.

עֶס אִיז מִיר זַייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס אִיר הָאט; אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעטְרָאגְן וְכוּ׳ אוּן גֶעבּוֹירְן וְכוּ׳ אוּן גֶעהָאדֶעוֶועט אַזוֹיפִיל יָארְן אַ קִינְד, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט דָאס קִינְד אָפְּגֶעלָאזְט זַיין וַוארֶעמֶע הֵיים, לְעֵת עַתָּה פִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - וֶוערְט מִיר זַייעֶר

שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט; דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, וַוייל מִיר מוּזְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, מִיר מוּזְן אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיטְ'ן לֶעבְּן, נָאר מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען זַיין שְׁטַארְק אוּן שְׁטַארְקְן אַנְדֶערֶע.

גֶעבְּטְס אַ קוּק וָואס פַּאר אַ טֵייעֶרֶע דוֹר אִיר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט; טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לִיכְטִיגֶע אֵייניקְלֶעךְ אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אִיר נָאךְ הָאבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט מֶען נִישְׁט ווִי דִי תְּפִילוֹת הֶעלְפְן זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז יֶעדֶע תְּפִילָה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן; אַייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר-אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר-אוּר-אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת, סְגוּלוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיר טוּט פַּאר דֶעם קִינְד.

דָאס וַוייסְט אִיר אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אֲפִילוּ אִין צַייטְן וָואס מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי תּוֹרָה, וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע אִידְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַלֶע וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע מַאמֶעס וָואס הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת וֶועלְן דֶעמָאלְט וֶוערְן פַּארְאֵייניגְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט אַ גַאנְצֶע הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כב-כג): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם".

...

### אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מוּז זַיין אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶע מֵיידְל, אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס צוּ זוּכְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ; אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ קוּקְן אוֹיף גֶעלְט, אוֹיף כָּבוֹד וְכוּ', וְכוּ' אוּן דוּ

שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ ווילְסְט אַ בָּחוּר מִיט צְוֵויי זַאכְן: יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכג): דֶער עִיקָר אוּן דֶער יְסוֹד וָואס אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דֶעם - אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּם צַדִּיק הַדּוֹר אוּן אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, סַיי אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן סַיי אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְקֶרִירְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי, שׁוֹפְטִים): "אֲפִילוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שֶׁהוּא שְׂמֹאל, וְעַל שְׂמֹאל שֶׁהוּא יָמִין"; דָאס הֵייסְט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אִינְגַאנְצְן אַוֶועק וַוארְפְן זַיין אֵייגְן שֵׂכֶל, אַזוֹי ווי עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נָאר דָאס וָואס עֶר בַּאקוּמְט פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן ווי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נָאךְ מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אֱמֶת'דִיג מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק.

זַיי שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, וַוייל מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן הָאט מֶען אַלֶעס; אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִיז מְקוּשָּׁר צוּם צַדִּיק וַוייזְט אִים דֶער צַדִּיק אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים.

זַיי פְרֵיילִיךְ.

...

**מִיט דִי עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט אִיר בַּאלַייכְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן; אִיר זֶענְט זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען פָּארִיגֶע וָואךְ בַּיי דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט גֶעהַאט פִיר מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי צוּזַאמְקוּם; אַזוֹי הוֹיבְּט זִיךְ אָן בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. בַּיי אוּנְז אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן

פּוּנְקְט אַזוֹי, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַפָּאר מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מִנְיָן אוּן מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט; רוֹב שַׁבָּתִים אִיז מֶען זִיךְ צוּגַאנְגֶען אָן קַיין מִנְיָן, מֶען פְלֶעגְט וַוארְטְן שַׁבָּת אִינְדֶערפְרִי אוֹיף מִנְיָן בִּיז חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ צוּגַאנְגֶען וְכוּ'. שְׁפֶּעטֶער אִיז שוֹין גֶעוָוארְן אַ גֶעהֶערִיגֶע מִנְיָן בִּיז עֶס אִיז זִיךְ צוּוָואקְסְן צוּ אַ יְשִׁיבָה אוּן נָאכְדֶעם אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיר רֶעדְט וֶוען אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאמֶען זָאל זַיין דִיבּוּרִים פוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה; עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז אִיר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס מִנְיָן, עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר מִנְיָן אַ לִיכְטִיגְקֵייט פַאר גַאנְץ לָאנְדָאן.

בְּנוֹגֵעַ וֶוער עֶס זָאל פָּארְלֶערְנֶען; הוֹיבְּט אָן אַז יֶעדֶער זָאל פָּארְלֶערְנֶען, גֵייט אִין אַ סֵדֶר, אֵיין וָואךְ דֶער נָאכְדֶעם אַ צְוֵוייטֶער. אַזוֹי הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפֶענְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יֶעדֶע וָואךְ הָאט אַ צְוֵוייטֶער פָּארְגֶעלֶערְנְט. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען דָאס אַיינְגֶעטֵיילְט צְווִישְׁן צְוֵויי דְרֵיי אִינְגֶעלַייט, זֵיי הָאבְּן פָּארְגֶעלֶערְנְט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גוּטֶע דִיבּוּרִים, בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אֵיינֶעם, בַּיי דֶעם וָואס הָאט אַ כֹּחַ צוּ מְחַזֵּק זַיין אַלֶעמֶען.

הַאלְטְס אַייךְ בְּאַחְדוּת וֶועט אִיר הָאבְּן הַצְלָחָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶּוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶּוענֶען צוּזַאמֶען וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

...

**לִימוּד גְמָרָא הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ און בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֶע צוּ לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת און אַלֶע רְפוּאוֹת.

דָאס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן; עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא, אִין בְּלוֹיז אַפָּאר מִינוּט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע בְּלַאט גְמָרָא, דִי שְׁוֶועריקֵייט אִיז זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן און עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא. וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֶועט אַלֶעס טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט אָפְּצוּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד גְמָרָא, וַוייל דוּרְךְ לֶערְנֶען גְמָרָא פַארְלִירְט עֶר דִי שְׁלִיטָה אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן אַ רְפוּאָה פַארְ׳ן יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע.

אִם יִרְצֶה ה׳ מָארְגְן נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א מַאכְט תְּנָאִים פַאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער תְּחִיֶ׳ דָאנֶערְשְׁטָאג, דֶערְפַאר דַארְף אִיךְ צוּרִיק רוּקְן דֶעם שִׁיעוּר אוֹיף מָארְגְן נַאכְט, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְטוּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אִם יִרְצֶה ה׳ אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה מַאכְן מִיר אַ מְלַוֶה מַלְכָּה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים יוֹצְאֵי הַיְשִׁיבָה; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט אַנְטֵייל נֶעמֶען בַּיים מְלַוֶה מַלְכָּה.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

## דְרֵייוְון מִיט אַחְרָיוּת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַלֶע חָשׁוּבֶע בָּחוּרִים נֵרָם יָאִיר, וָואס דְרֵייוְון פַאר דִי מוֹסָד.**

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ עֶנְק דַאנְקֶען פַאר׳ן הֶעלְפְן דֶעם מוֹסָד; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן הֶעלְפְן דֶעם מוֹסָד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע זוֹכֶה זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט צוּ וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן דָאס אַחְרָיוּת פוּן דְרֵייוְון בִּכְלַל אוּן דְרֵייוְון קִינְדֶער בִּפְרַט; מֶען מוּז הַאלְטְן דִי גֶעזֶעצְן, אַז מֶען הַאלְט נִישְׁט דִי גֶעזֶעצְן בַּיים דְרֵייוְון אִיז דָאס סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אוּן אַז עֶס פַּאסִירְט אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אוּן אֵיינֶער וֶוערְט גֶעשֶׁעדִיגְט אִיז יֶענֶעמְס בְּלוּט אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם דְרֵייוֶוער.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען טְרָאגְט קִינְדֶער, דַארְף מֶען פָארְן זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג אוּן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס דֶער גֶעזֶעץ פַארְלַאנְגְט; אַז דֶער גֶעזֶעץ פַארְלַאנְגְט אַז אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ צוּבִּינְדְן דַארְף מֶען דָאס פָאלְגְן, מֶען טָאר נִישְׁט טְרָאגְן קִינְדֶער אָן זֵיי צוּבִּינְדְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָפּ, אוֹיבּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן קֶענֶען זֵיי חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אוּן אִיךְ וָוארְן אַייךְ; אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט שֵׁיינֶעם, אִיר הֶעלְפְּט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, אִיר טְרָאגְט אוּן אִיר בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אוּן צוּם חֵדֶר, דַארְפְט אִיר פָארְן פָּארְזִיכְטִיג אוּן הַאלְטְן אַלֶע גֶעזֶעצְן. אַז אִיר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְדְרֵייעֶן, דַארְפְט אִיר פָארְן ווַייטֶער אוּן פָאלְגְן דֶעם גֶעזֶעץ, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְדְרֵייעֶן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער גֶעזֶעץ עֶרְלוֹיבְט נִישְׁט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן, בִּפְרַט וֶוען מֶען טְרָאגְט קִינְדֶער אִיז דֶער דְרֵייוֶוער אַחְרָיוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ אַסֶר אִיךְ צוּ רֵייכֶערְן אִין דִי יְשִׁיבָה בָּאס אוּן אִין דִי יְשִׁיבָה וֶוענְס; נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען מֶען טְרָאגְט קִינְדֶער אָדֶער וֶוען מֶען פָארְט אָן קִינְדֶער, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט רֵייכֶערְן אִינֶעם יְשִׁיבָה בָּאס אוּן אִינֶעם יְשִׁיבָה וֶוען.

פַאר אִיר פָארְט אַרוֹיס דַארְפְט אִיר מַאכְן זִיכֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן אוּן זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן פָארְן, אוֹיבּ אַ קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט זָאלְט אִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין אָפִּיס. אוֹיבּ אַ קִינְד בִּינְדְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן וֶועג זָאלְט אִיר

זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן אִין דִי זַייט פַארְמַאכְן דֶעם מָאטָאר אוּן וַוארְטְן וִוי לַאנְג דִי קִינְדֶער וֶועלְן פָּאלְגְן, זָאל עֶס נֶעמֶען וִוי לַאנְג עֶס וֶועט נֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט אִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְ'ן מְנַהֵל.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער אִיז גֶעעֶנְדִיגְט דִי זַאךְ פוּן גֵיין צוּם לוֹיעֶר הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס הֶעלְפְט מִיר אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע טִיקֶעטְס פוּן יְשִׁיבָה; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים זָאגְן אַז פוּן הַיינְט אָן זָאל עֶר נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען קַיין טִיקֶעט אוֹיב דָאס אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ פָארְן ווִילְד אוּן נִישְׁט גֶעזֶעצְלִיךְ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט לֶעבְּנְ'ס פוּן קִינְדֶער, אִיר וֶועט פָארְן מִיט פָארְזִיכְטִיגְקֵייט; וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ הִיטְן.

...

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דִי וָואס זֶענֶען מַחְלִיט וָואס צוּ טוּן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען אִינֶעם שׁוּל וואוּ אַייעֶר מַאן דַאוֶוענְט וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן; אִיר פְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט דִי א-ב פוּן חִינוּךְ; עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דִי וָואס זֶענֶען מַחְלִיט וָואס צוּ טוּן; קִינְדֶער דַארְפְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, זֵיי דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ חִינוּךְ צוּ פָאלְגְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דִי וָואס זָאגְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע וואוּ צוּ גֵיין אוּן וָואס צוּ טוּן. דָאס דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר יוּנְג, צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר, פִיר אוּן פִינְף יָאר אַלְט. דִי פָאר יָאר זֶענֶען דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע יָארְן פוּן חִינוּךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען פָאלְגְן אוּן מְכַבֵּד זַיין.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַאטֶע וָואס הָאט מִיר

מְחַנֵךְ גֶעוֶוען; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף דַאוֶוענֶען, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה - נֶעבְּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאר וַוייל אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צְוֵויי וֶועגְן, נָאר אַזוֹי דַארְף אִיךְ טוּן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַלֶע וָואכְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שׁוּל, פוּן פַּאר דִי דְרֵיי יָאר, נָאךְ פַּאר מֶען הָאט מִיר גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת. שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צֶען יָאר בִּין אִיךְ גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז אִינְדְרוֹיסְן אִיז לֶעבֶּעדִיג, דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן, טַאנְצְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען, מֶען וַוארְפְט מִיסְט, מֶען שְׁפַּארְט אָפּ דִי גַאס וְכוּ', וְכוּ' - וָואס קִינְדֶער טוּעֶן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט הָאט מִיר דָאס שׁוֹין נִישְׁט גֶעצוֹיגְן וַוייל דִי רְגִילוּת פוּן זִיצְן אִין שׁוּל אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן בַּיי מִיר ווִי אַ נַאטוּר.

בַּאזוּנְדֶער דַארְפְט אִיר זָאגְן פַּאר אַייעֶר מַאן אַז וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין שׁוּל דַארְפְן זֵיי זִיצְן נֶעבְּן זֵייעֶר טַאטֶע פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן עֶנְדֶע; מֶען בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל נִישְׁט צוּ שְׁפִּילְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען נָאר צוּ דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נָאךְ נִישְׁט לֵיינֶען, זֵיי דַאוֶוענֶען נָאךְ נִישְׁט - דַארְף מֶען אוֹיךְ הַאלְטְן נֶעבְּן זִיךְ אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זָאגְן: "בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ" אוּן "אָמֵן". אַזוֹי ווִי דֶער רְמָ"א זָאגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קכד, סְעִיף ז): "וִילַמֵּד בָּנָיו הַקְּטַנִּים שֶׁיַּעֲנוּ אָמֵן", מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן זָאגְן אָמֵן, "כִּי מִיָּד שֶׁהַתִּינוֹק עוֹנֶה אָמֵן, יֵשׁ לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", וַוייל וֶוען אַ קִינְד זָאגְט אָמֵן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

...

**דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם גֶעבְּט נִישְׁט אַוֶועק פַּאר קֵיינֶעם.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן שַׁבָּת אִין שְׁטוּבּ; קוּמְטְס נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, בְּלַייבְּטְס מִיט אַייעֶר שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אַז אַייעֶר מַאן זָאל קֶענֶען הֶעלְפְן זַיין טַאטֶע.

אִיךְ קֶען אַייךְ שׁוֹין זָאגְן וָואס אִיךְ גֵיי רֶעדְן שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ גֵיי רֶעדְן

פוּן "כִּיבּוּד אָב וָאֵם", פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער.

אַז עֶס קוּמְט אַייךְ אוּנְטֶער דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְן פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט; בַּיי מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין מִסְתַּפֵּק בְּמִעוּט, מֶען דַארְף וֶועלְן נָאךְ אוּן נָאךְ. כַּאפְּטְס דִי מִצְוָה פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

**דִי עֵצָה וָואס וֶועט מִיר שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, דוּ הָאסְט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת, הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס גֶעטוּן וְכוּ', וְכוּ'; יֶעצְט אִיז שׁוֹין צַייט אָנְהוֹיבְּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ חַבֵר.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ', וְכוּ'; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער

איז גוט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד', הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווי אַ גֶעהָאלְפֶּענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים עֶס דֶערְצֵיילְן".

וויסְן זָאלְסְטוּ טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִין "גַן עֵדֶן", אַזַא אֵיינֶער לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים אַז זַיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זַיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זַיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זַיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן פַארְקוֹיפְן רַאפֶּעלְס אִין שׁוּלְן בַּיים דַאוֶונֶען, מִיר צוּ הֶעלְפְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל, וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער עָתִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען שְׁפִּירְט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַייךְ שַׁבָּת; מֶען שְׁפִּירְט דָארְט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, מֶען קֶען שְׁפִּירְן דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן אַלֶע אֵיינְווּאוֹינֶער.

עֶרֶב שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בֵּית הַתַּבְשִׁיל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען ווִי עֶס אִיז צוּגֶעשְׁטֶעלְט מִכָּל טוּב. יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף עֶפֶּעס אוֹיף שַׁבָּת; חַלּוֹת, פִישׁ, פְלֵייש וְכַדּוֹמֶה, הָאט וָואס אַהֵיים צוּ טְרָאגְן.

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיר זָאלְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; דֶער גַאנְצֶער טָאג גֵייט אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אִיר אָן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה.

בַּאזוּנְדֶער בֶּעט אִיךְ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען הֲלָכָה פַארְטָאגְס צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ לֶערְנֶען צוּזַאמֶען הִלְכוֹת טָהֳרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען אַז דוּ מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאלְן הָאבְּן אַ מוֹרֵה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן; נֶעמְט אַ דַיָּין, אַ רָב, אָדֶער סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין אוּן ווַייזְן דֶעם גְלַייכְן וֶועג אִין לֶעבְּן.

אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען זֵייעֶר ווַייט פַארְקְרִיכְן; נֶעם צְנִיעוּת פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס קֶען מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי ווִי דִי כַּת הֲשַׁאלִים צוּ זַיין צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, וָואס זֵיי גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט דִי תּוֹרָה זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין צְנִיעוּת, דָאס אִיז פְּרִיצוּת רַחְמָנָא לִצְלָן. מוֹהַרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (שו"ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק כה, ג' אֲלָפִים קע"ט) אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין

צְנִיעוּת, עֶס אִיז פַּארְקֶערְט פוּן צְנִיעוּת.

פְּרֶעג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוֹיבּ זִי אִיז גְרֵייט צוּ הֶערְן מַיין דֵעָה אִין אַלֶע קָאנְפְלִיקְטְן וָואס גֵייט פָאר צְוִישְׁן אַייךְ; אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי תּוֹרָה'דִיגֶע וֶועג אַזוֹי וִוי מוֹהֲרַ"אְ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הַנְהָגוֹת פַאר אַ נַייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ".**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, מִתְפַּלְּלֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ חַסִידֵי בְּרֶסְלֶב בִּשְׁכוּנַת קֶענְוִוי אֵיילֶענְד, עֶנְגְלַאנְד, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ ווִיל אַייךְ וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב פַאר'ן עֶפֶענוּנְג פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט.

דָא הָאט אִיר אַפָּאר נְקוּדוֹת וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ:

א. אִיר זָאלְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִישְׁן אַייךְ; קֵיינֶער זָאל נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, זוּכְט נָאר דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן וֶועט אִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַצְלָחָה.

אַחְדוּת קֶען נָאר זַיין וֶוען קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ: "אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם גְרָאדְנִיק אִינֶעם גָארְטְן". דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא) אַז דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען וֶועט נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן) אוּן מֶען וֶועט אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִינֶעם גָארְטְן (אִין דִי וֶועלְט) וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶענֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם גָארְטְן (וֶועלְט) בְּשָׁלוֹם; אַזוֹי הָאט דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ פַארְשְׁטַאנֶען, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר אוּן פוּן וֶוען עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם גְרָאדְנִיק אִינֶעם גָארְטְן זֶענֶען אַלֶע אַרַיין, אוּן וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן יָאגְן וְכוּ' הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ (דֶעם צַדִּיק) אוּן אַלֶע זֶענֶען אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם.

אוֹיבּ אִיר וֶועט נָאר וֶועלְן דָאס טוּן, אִיר וֶועט וֶועלְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט, אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין דִי וֶועלְט זָאלְן זִיךְ קֶענֶען

ראַטעֶוועֶן וֶוען מֶען הוֹיבּט אָן יָאגְן, וֶועט איר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין; אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַנְדֶערֶע אִינְטֶערֶעסְן וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה.

ב. מֶען זָאל אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן צַדִיק; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פַּאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר זָאל שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן בַּיי צְוֵויי זַאכְן זָאל עֶר פַארְשְׁפְּרֵייטְן זַיין פֶּען; דָאס הֵייסְט עֶר זָאל שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת וֶוען עֶר שְׁרַייבְּט אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן 'אֱמוּנָה' אוּן פוּן 'צַדִיק', בַּיי דִי צְוֵויי זַאכְן זָאל עֶר שְׁרַייבְּן אַסַאךְ, ווַייל דָאס אִיז דֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט, אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה פַּאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אוּן אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק, אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אוּן הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם - וָואס נָאךְ דַארְף מֶען?

גֶעדֶענְקְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפָּעַם". ווַייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## גֶעבְּן מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַארְ'ן יָתוֹם.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

בַּיים פְרֶעגְן דִי פְרַאגֶע זָאגְסְטוּ אַלֵיינְס דֶעם עֶנְטְפֶער. דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיר קֶענְט טוּן מִיט דֶעם קְלֵיינְטְשִׁיגְן יָתוֹם וָואס אִיר צִיעֶט אוֹיף, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַייעֶר קְלֵיינֶע טָאכְטֶער, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף טְשֶׁעפֶּען; יֶעדֶעס מָאל אִיר גֶעבְּט אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (עֶטֶענְשְׁ"ן) פַּאר אַייעֶר טָאכְטֶער קוּמְט עֶר אוּן גֶעבְּט אִיר אַ צִיפּ אָדֶער אַ שְׁטוּפּ וְכַדוֹמֶה, אִיר פְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן.

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער יָתוֹם'ל דַארְף מֶער אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (עֶטֶענְשְׁ"ן) פוּן סְתַּם אַ קִינְד; עֶס שְׁטֶערְט אִים צוּ זֶען וִוי דִי יוּנְגֶערֶע מֵיידְל בַּאקוּמְט אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, דָאס מַאכְט אִים עֶר זָאל זוּכְן וִוי עֶר קֶען אִיר וֵויי טוּן,

אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט: "יֶעדֶעס מָאל מֶען גֶעבְּט אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט (עֶטֶענְשְׁ"ן) פַאר אַייעֶרֶע יוּנְגֶע טָאכְטֶער קוּמְט עֶר אוּן גֶעבְּט אִיר אַ צִיפּ אָדֶער אַ שְׁטוּפּ" וְכַדוֹמֶה; זָאלְט אִיר פוּן הַיינְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִים צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט. דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ג): "עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת - רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר, זֶה הַמְגַדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", דֶער וָואס צִיעֶט אוֹיף אַ יָתוֹם אָדֶער יְתוֹמָה, דֶער אִיז מְקַיֵּים מִצְוַת צְדָקָה אַ גַאנְצְן צַייט - טָאג אוּן נַאכְט.

יֶעדֶעס מָאל דוּ זֶעסְט וִוי עֶר גֶעבְּט אַ טְשֶׁעפֶּע, אַנְשְׁטָאט אִים זָאגְן טוֹיזְנְט מָאל: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען", רוּף אִים אִין דִי זַייט אוּן גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט, נֶעם אִים צוּ דִיר אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים, אַנְשְׁטָאט זָאגְן טוֹיזְנְט מָאל: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען", זָאלְסְט אִים זָאגְן טוֹיזְנְט מָאל: "אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ!" "דוּ בִּיסְט אַזוֹי וואוֹיל!" "דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער בֶּעסְטֶע קִינְד!" וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אִיר זָאלְט קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין אַלֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## דֶער וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּן. דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה, בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ", אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, "וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ", אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן

דִי און דִי עֲבֵירָה, "וַהֲרֵי נִחַמְתִּי", און אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי", אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, "וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", און אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן - דָאס אִיז וִידּוּי, "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", און וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַודֶּה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוֹ לְמַעְלָה מִזּוֹ - וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וְאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט און גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים און אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעְלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם", און אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל און הָאט אִים לִיבּ.

הֶער אוֹיף פַאסְטְן, נִישְׁט דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן און פַאסְטְן צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז מֶען זָאל חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן און מֶען זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מֶען גֵייט מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירוֹת.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ עֶנְדִיגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; זַיי מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער מִיט דַיין גוּטֶע מִנְהָג צוּ זָאגְן און עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וכו'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין ווִילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ

קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילּוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", און אֲפִילּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה און נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילּוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", און עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אַרוֹיס צוּ קוּמֶען פוּן תְּפִיסָה; קוֹדֶם כָּל דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דַיין טִיפְן שְׁלָאף. פַאר דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין תְּפִיסָה הָאסְטוּ גֶעטוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, דַיין נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה, און וֶוען דַיין גוּף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין תְּפִיסָה הָאסְטוּ זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, דוּ הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים און דוּ פִירְסְט זִיךְ וִוי אַ אִיד; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט'ן זָאגְן תְּהִלִּים און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

...

לֶערְן זִיךְ בַּיי אַ מַאן, נִישְׁט בַּיי אַ פְרוֹי.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זוּךְ אַ מַאן בַּיי וֶועם זִיךְ צוּ לֶערְנֶען, גֵיי נִישְׁט צוּ אַ פְרוֹי; עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס צוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אָפְּגֶערֶעדְט פוּנֶעם אִיסוּר יִחוּד וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אִיז אִיסוּר יִחוּד גָאר אַ דְאוֹרַיְיתָא. נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן

רַחְמָנָא לִצְלָן בְּזֶה וּבַבָּא, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן פְרַיינְטְלִיךְ בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחְמָנָא לִצְלָן.

בּוֹי אוֹיף דַיין בֶּעיסְמֶענְט ווייל זוּמֶער וֶועלְן אַסאךְ מִשְׁפָּחוֹת זַיין אִין שְׁטֶעטְל וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען פַארְדִינֶגען, אוֹיךְ וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרוֹיסְדִינְגֶען פַאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען זָאל אַרַיינְקוּמֶען צוּם מְלַוֶּה מַלְכָּה - מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ט שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל אַז אִיךְ טוּ אַיינְלַיידֶענֶען אַלֶע תַּלְמִידִים מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּם מְלַוֶּה מַלְכָּה - מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב.

אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁט צוּ שְׁוֶוער אַרַיין צוּ קוּמֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיטְ'ן פוּלְסְטְן רְשׁוּת פוּן דִי ווייבּ, וֶועל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן זֵיי צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעגְל וַואסֶער דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ אִין שְׁטוּבּ; אִין אַ שְׁטוּב וָואס מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט נֶעגְל וַואסֶער אִיז דָא קְדוּשָּׁה אִין דֶעם שְׁטוּבּ.

זַיי שְׁטַארְק אִין דֶעם; גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער אוּן גִיס אָפּ דַיינֶע קִינְדֶער

נֶעגַל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דָאס טוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן. דִי הֵייליגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא - אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס, וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - וֶועלְן זִיךְ זַיינֶע קִינְדֶער פִירְן. קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע שְׁפִּילְט זִיךְ טָאג אוּן נאכְט מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן וֶועלְן זִיךְ קוֹיפְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען דֶערְמִיט טָאג אוּן נאכְט. אַזוֹי אוֹיךְ, קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן אַלֶעס, זֵיי כַאפְּן אוֹיף אַלֶעס אוּן וֵוייסְן אַלֶעס; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן.

זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם פְּרוֹיעֶן צוּזַאמְקוּם; הֶעלְף אִיר, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ. דִי שִׁיעוּר פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע שִׁיעוּר פַאר אִיר.

...

**דִי גֶעוַואלְדִיג זְכוּתִים פוּן הֶעלְפְן מִיט דִי רֶענְט פוּן יְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ'ן אוֹיפְנֶעמֶען שַׁיין דִי גַבָּאִים: הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; דוּ רֶעדְסְט שַׁיין צוּ זֵיי אוּן דוּ גֶעבְּסְט זֵיי חוֹדֶשׁ'לִיךְ דַיין מַעֲשֵׂר. זֵיי הֶעלְפְן מִיר צָאלְן דִי רֶענְט פַארְ'ן בִּנְיָן הַיְשִׁיבָה, זֵיי הָאבְּן אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל; זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר צוּ קֶענֶען דֶעקְן דִי רֶענְט יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר; דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה וּתְפִילָה פוּן דִי בָּחוּרִים, אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוֹיךְ פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה, אַזוֹי אוֹיךְ אִין הַדְפָּסַת וְהֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ; דוּרְכֶדֶעם נֶעמְסְטוּ אַ חֵלֶק אִין דִי אַלֶע הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מוֹצָאֵי שַׁבַּת פַּרְשַׁת תְּרוּמָה וֶועט פָארְקוּמֶען אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה - מְסִבַּת הַכָּרַת הַטוֹב פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דִיר צוּ

זֶען, דִיר צוּ בַּאגְרִיסְן פֶּערְזֶענְלִיךְ.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע צוּזַאמְקוּם פַאר דִי פְּרוֹיעֶן, בְּלַייבּ אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען נֶעמֶען חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...